**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/6/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט רעקארד סאבוועי רייזנדע אויף מאראטאן געלויף זונטאג**

***סאבוועיס רעקארדירן א רעקארד פון 2.3 מיליאן באצאלטע רייזעס אויף מאראטאן געלויף זונטאג, OMNY באשטימט אלגעמיינע רעקארד פאר סאבוועי איינגאנגען***

***רעקארד זונטאג קומט א וואך נאך מערערע MTA אגענטורן האבן געמאלדן די בעסטע וואך אין פארגאנגענע 12 מאנאטן, אריינרעכענענדיג שבת רעקארד אויפ'ן סאבוועי שבת, אקטאבער 28***

***בילדער פון ניו יארקער אין די סאבוועי סטאנציעס נאכ'ן מאראטאן געלויף [דא]()***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז ניו יארקער האבן געפארן אויף די ניו יארק סיטי סאבוועי אין נאך-פאדעמיע רעקארד ציפערן צו אנקומען צו די TCS 2023 ניו יארק סיטי מאראטאן געלויף. מאראטאן לויפער און צוקוקער צוגלייך האבן גענומען די סאבוועי צו די געלויף זונטאג, אנקומענדיג צו 2,304,683 באצאלטע רייזעס, די העכסטע ציפער פאר א זונטאג אין נאנט צו פיר יאר. די רעקארד איז א 8.8 פראצענט העכערונג אויף פארגאנגענע יאר'ס מאראטאן געלויף זונטאג ווען 2,118,137 מענטשן זענען געפארן דערויף.

"די TCS ניו יארק סיטי מאראטאן געלויף און אן אינסטיטוציע, און עס איז קלאר אז דאס בעסטע וועג פאר לויפער, פריינט און צוקוקער צו זען די וועלט-קלאסיגע לויפער זיך פארמעסטן איז דורך נעמען די סאבוועי," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "וואך נאך וואך, זעצן מיר פאר צו ברעכן די רעקארד מיט די צאל רייזנדע אויף אונזערע סאבוועיס, באנען און באסעס, אזוי ווי ניו יארקער האלטן אין איין צוריקקומען שטאלצערהייט צו די סיסטעם א דאנק אונזער קריטיש וויכטיגע אינוועסטירונגען אין זיכערקייט און סערוויס."

אויף מאראטאן געלויף זונטאג, האבן זיך רייזנדע פארלאזט אויף OMNY - די מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט'ס (Metropolitan Transportation Authority, MTA) קאנטאקט-לאזע באצאלונג סיסטעם - צו נעמען די סאבוועי. OMNY איז פאראנטווארטליך פאר 58.5 פראצענט פון אלע רייזנדע אויף זונטאג, איבערשטייגנדיג די פריערדיגע רעקארד אוועקגעשטעלט אויף זונטאג, אקטאבער 28, ווען 56.2 פראצענט פון אלע רייזנדע האבן געצאלט דורך טעפ-ענד-גאו (tap-and-go).

**MTA טשעיר און CEO דזשאנא ליבער האט געזאגט,** "גארנישט קומט נישט צו צו מאראטאן געלויף זונטאג צו ווייזן ניו יארק סיטי'ס צוריקשפירגנג איז אין קראפט און שטייגנד. איך בין געפארן פינף מאל מיט די סאבוועי צו זען ווי מיין טאכטער לויפט און אליינס געשפירט די ענערגיע און איבערראשונג ביי יעדע אפשטעל. א דאנק צו די ניו יארק סיטי טרענזיט גרופע, וועלכע האט עררייכט אזוויי אלעמאל, מיט קלוגע פלענער און צוגרייטונג צו נעמען די מיליאנען צוקוקער און לויפער דארט וואו זיי האבן געדארפט אנקומען."

דאס איז די צווייטע וויקענד אין א רייע וואס די סאבוועי סיסטעם שטעלט אוועק א וויקענד רעקארד. פארגאנגענע שבת, 28 אקטאבער, האט די סאבוועי רעקארדירט 2.7 מיליאן באצאלטע רייזעס. אויף זונטאגס, ספעציפיש, איז די צאל רייזנדע געשטאנען ביי א דורכשניט 1.9 מיליאן אין די פארגאנגענע פיר וואכן.

די אקטאבער 28 רעקארד האט געהאלפן שטארקן די בעסטע זיבן-טעג צייט אפשניט פאר מערערע MTA אגענטורן צווישן אקטאבער 23 און אקטאבער 29. ניו יארק סיטי טרענזיט האט געזען זייער בעסטע וואך פון די סאבוועי און Access-A-Ride פון די פארגאנגענע 12 מאנאטן. די סאבוועי האט רעקארדירט 24.4 מיליאן באצאלטע רייזעס, אינעם צייט וואס Access-A-Ride האט רעקארדירט 196,000 באשטעלטע רייזעס.

די קאמיוטער באנען האבן אויך ביידע ארויסגעשטעלט זייער בעסטע וואכן פון די פארגאנגענע 12 מאנאטן, מיט ביידע יעצט פירנדיג א רעגלמעסיגע ציפער פון כאטש 200,000 רייזנדע אויף א דורכשניטליכע וויקענד. די Long Island Rail Road האבן געפירט 1.4 מיליאן רייזנדע די וואך און Metro-North Railroad האט געפירט 1.3 מיליאן פאר'ן וואך. אויף שבת, אקטאבער 28, האט Metro-North פארקויפט 3,010 בילעטן פאר Cold Spring פון גרענד צענטראלע טערמינעל פאר הערבסט בלעטער צוקוקער - מער בילעטן ווי די באפעלקערונג פון Cold Springs זעלבסט.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן